# פיניעלע מזיק
## גיט לשון



ער, יאטן, אז איך פאר ענק א צענצאציע, זעט ענק פאצײלן, װי איר קריגן א כאפ.

צאט שױן געהערט פון דעם װארשעװער יאַנקעל, װאָס אַט דעם רײן סטיבאַר פאַצײלט די מאַנ־פין שװיגער? צ'װײסט נאקיש גיש? על איך ענק פאצײלן:

אין װאַרשע איז אַבעט דאָ אַ שמואל־גנעסל, דאָרט איסט זיס סמאַטשע, װענע דאָרט דאָ פינקט אַזעל־כע יאַטן װי איך אינדזערער שמואל גנעסל, איין יאַט דאָ, הייסט ער ביינרינג, און דוס איז א װוגגל פון אינדזערע יונגלעך, װאָס קען לײגן אַ לאַטע און שרײַקט זיך ניש פאַר אַ שאַלעף.

אַז זיך דױס יאַנקל אַראַנגיבימען אַ גיזאַנק אַלײן אין קאָפּ אַרײַן, אז ער מיז זיך באַקסען מיטן שטאַרקסטן רײַן סטיבאַר.

אינדזער יאַנקל איז גיגאַנגען פון מאַנקאַבי (געמײנט: „מכבי") און דער שאַלעף פון אַ ספאַרט־קלוב שקאָדאַ (געמײנט: „סקאַדאַ").

אַט זיך אונדזער יאַנקל אונגיטאָן זײַן קישעל־קעס מיט די גומענע הענטשקעס און דער שאַלעף אַט זיך אָכעט אונגיטין גומענע הענטשקעס.

בי, בי, האָט זיך דױס אַנגעשאַלט גיטין, װען די פײַרע האָבן זיך אינגיקיקט, אינדזער יאַנקל אַט גי־קיקט אַראַף, און דער שאַלעף אַט גיקיקט אַרױף, אַז דער שאַלעף אַט אונגיקיקט אינדזער יאַנקל, אַט ער גיפּלאַצט פון לאַכן, װאָר קאַן דען זעען אַנשליג־גען װי אַ ראָל־מאָפּס!

בי, װאָס מײנט איר אין גיװען דער סאָף! אינ־דזער יאַנקל אַט גינימען געבן בײגעס און טראַסקען, ס'איז גיפלױגן אײן טרימאַסק נאָכן צװײ־טען, און דער שאַלעף אַט זיך אָעסגיצױגן אױף דער פּאָדלאָגע װי אַ גראַף. כ'זוג ענק, צ'העריט? גאַנץ װאַרשע אַט זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן.

לעבן זאָלן אינדזערע יאַטן! אַ גיװינט אין פּירעד באַכער אַראָן — כ'האָב גיסקיבטשעט!

# הויך דירה-געלד

— װער צאָהלט דאָס העכסטע דירה־געלד?

— דער, װאָס װאוינט אויפ'ן פירטען שטאָק.

# ענציקלאפעדיע

## פון סאקראטעס

### אויערען

בײַ װיגבער שטענדיג אָפען,

בײַ כלל־פערזארגער פערשטאָפט און פערשלאָפען,

בײַם װירט פון הױז,

אין אײנעם אַרײַן פון צװײטען אַרױס.

### ברעג

װער עס האָט אַ ברעג,

אָבער נישט דער יודישער גלות־װעג.

כ'ל מענשען װײנען, קלאָגען,

װי קאָנען זיך צום ברעג נישט דערשלאָגען.

### דאַוונען

בײַם אָרימאַן אַ געבעט,

בײַם גביר סתם געראַעדט,

בײַם שלים־מזל אַ קלאָגע.

בײַם חזן, שמש, אַ לעבענס־פראַגע.

### זיבען

זיבען איז אַ ליגען, װײַל „זי" איז נישט קיין „בן",

װען די „זי" זאָגט תן! (גיב),

מוז דער „ער" זאָגען באַלד הן!

װען נישט, װײסט זי, װאָס זי קען.

### חתן

פאַרן שטעהן אײַביגע מינוט אונטער דער חופּה,

װײסט ער זיך צאָהלען גאָלד אַ גאַנצע קופּע,

װען נישט, װערט ער אַ מערהער, אַ קאַט,

און זאָגט נישט דעם הרי אַת.

# סוחרישמעסיג

## ווי אַזוי רעדען אַלטע לאָדזער קאוואַלערען

אײַף פּעטריקאַװער גאַס געהען צװײ אַלטע בחורים (לאָמיר זאָגען: אַושע גראָסבערג און פאַ־װעל ליפּשיץ), פרעגט אַושע פאַװעלען:

— זאָג נאָר פאַװעל, װער איז דאָס די פרױ. װאָס געהט דאָרט בעבען קאַטיגאַ?

— זי איז מײַנע אַ בעקאַנטע, אױב דו װילסט קען איך זי דיר פאָרשטעלען.

— מוחל! די פּאַקונג איז גוט, נאָר די סחורה אַלײן זעהט אױס צו זײַן פאַרלעגענע.

# ווער פייפט?

— פאַרװאָס האָסטו אָפּגענומען דײַן זוהן פון גימנאַזיום?

— װײַל ער פייפט.

— װער?

— דער דלות.

סאָקראַטעס.

# אוועקגעקומען

ס'איז אַװעקגעקומען אַ מײדעל, לאַלאַ פּודער־ביטשקאַ. די לעצטע 10 יאָהר איז זי 19 יאָהר אַלט. האָט אַ קלײן בעזעל און אַ גרױסע דעקאָלט. האָט קינסטליכע צײן און אַ נאַטירליכען שלוקעץ.

װעלכער בהגר ס'װײסט װאו זי געפינט זיך, װערט געבעטען זיך מרחם צו זײַן אױף איהר, און תיכף זי אָפּפיהרען צום הײב ראָזענבערג און זי דאָרט מקדש זײַן.

# אין סוחרים-פעראיין

— איהר האָט געהערט, פּראָטעסטאָלסקי, קױפט אײן אױטאָס אױף װעקסלען.

— זײַנע װעקסלען װעלען גיכער לױפען קאָ־סירען װי די אױטאָס.

# ער לייקענט נישט

## אויף דער נאַוואַמיעסקע

— זאָג מיר מאָטעל, װאו איז דײַן יושר? מיט אַ חודש צוריק האָב איך דיר געבאָרגט 10 זל. האָסטו דאַן געזאָגט, אַז דו דאַרפסט די 10 זל. אױף 10 מינוט.

— אמת, אין 10 מינוט אַרום האָב איך שױן אַ־קאָ פון דעם געלד קיין גראָשען נישט געהאַט.

# צווישען ווייבער

— זי האָבען געהערט? מענדעל דער שניט־סוחר, האָט רעדוצירט זײַנע אױסגאַבען אױף גאַנצע 90 פּראָצענט.

— אױף 90 פּראָצענט? װי אַזױ?

— ער האָט זיך געגט מיט דער פרױ.

# אויפן מיטינג

— װי נישט קאָנסעקװענט איהר זענט. פריה־ער האָט איהר דעם רעדנער געװאָרפען פױלע אײער, און איצט, אַז ער האָט געענדיגט, אַפּלאָ־דירט איהר איהם.

— װאָס פערשטעהט איהר נישט. כ'װיל, אַז ער זאָל זיך נאָך אַמאָל בעװײַזען — כ'האָב נאָך דרײַ פױלע אײער.

# ער מוז זיין א פרעמדער

## ביי א טישעל אין „גראַנד-קאַפע"

בײַ אַ טישעל אין „גראַנד קאַפע" זיצען צװײ יודען. פּלוצים קומט אַרײַן אַ יונגע שעהנע פרױ.

— װער איז די פרױ!? — פרעגט אײנער.

— דו קענסט זי נישט? איהר האָט נאָך קײנ־מאָל נישט ראָמאַנסירט מיט איהר? דאָס איז דאָך מײַן פרױ.

— ציין, איך זעה זי צום ערשטען מאָל.

— אױב אַזױ, זענט איהר מסתמא אַ אױסלענדער.

# אנאַנס

די פרײלין קאַקעטובנאַ האָט פערלױרען — די לעצטע האָפנונג חתונה צו האָבען, װער ס'װעט זי צו שטעלען, בעקומט אַלס בעלױנונג די האַנד מיט'ן האַרץ.

סאָקראַטעס.

# דער קונדס

● הומאר

● סאטירע

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 246

פרייטאג, דעם 26 אקטאבער 1934

# א יוד אנ'עקשן!...



יוד: געקומען בין איך צו דער פסח־אַקציע, האָב איך בעקומען אַ פייג, איצט לױנט מיר שױן נישט אַװעק־צוגעהען אפשר װעט זײַן אַ קױלען־אַקציע!...



